STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06084

BLETER FUN VEGN

Rivka Basman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רבקה באַסמאַן

*

בלעטער פון ווענן

פאַרלאַג „ישראל-בוך"
תל-אביב, תשכ"ח—1967

רבקה באַסמאַן* בלעטער פון וועגן

רבקה באַסמאַן / בלעטער פון וועגן

פאַרלאַג „ישראל־בוך"

צייכענונגען — מולאַ בן־חיים

RIVKA BASMAN

BLETER FUN WEGN

Poems

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער מיטהילף פון ליטעראַטור־פאָנד
ביים יידישן שרייבער־פאַראיין אין ישראל

©

נדפס בישראל
כל הזכויות שמורות

Printed in Israel, 1967

דפוס „ארזי" בע"מ, ת"א, רח' אילת השחר 4, טל. 34294

צום שלום וואגן חבר און
פריינט וואלף קראוויץ. פון זיין רפאלה
שלומה'לה.

יאנקל און דוליע פרעשמאן

6/22/70

אין אויב-ליש

אויף מאָסקווער גאַסן

אַ באָרוועסער אַנטלויפֿט דער שניי,
גרויע וועגן יאָגן אים,
ווי ווילט זיך מיר אין דעם זאַוויי
אַ וואָרט אַ מילדן זאָגן אים.

דאָס ווינטער־מעשׂהלע, באַצירט
מיט קרענצעלעך באַמאָלענע,
האָט אויסגעשוויגן דאָ פֿאַר מיר
שטומקייטן פֿאַרפֿראָרענע.

איך זוך אין גאַס אַ שפּור, אַ שײַן
פֿון אײַער ליכט ס'פֿאַרלאָשענע,
וואָס טליִעט דאָ יאָר־אויס יאָר־אײַן
בײַ טויערן פֿאַרשלאָסענע.

איך יאָמער אויס מײַן גרוס צו אײַך:
פֿאַרשפּעטיקט האָב איך, טײַערע.
און ס'וועט פֿון שניי אַ ווײַסער טײַך
מיט טרערנלידער אײַערע.

מײַן שכן

גיי איך אַרויס צום פּראָסטיקן טאָג —
זע איך אַ הילצערנע טיר
בײַ אַ ראָג.

אַ וווּנדערלעך אויסזען
פֿאַרמאָגט זי, די טיר,
ווי ס'וואָלטן לידער
שטראַלן דורך איר.

בלײַב איך געפֿאַנגען
און טוליע זיך צו
צו דער טיר פֿון געזאַנגען —
צו שוועל פֿון דײַן רו.

ווילט זיך אַן עפֿן טאָן
ליבלעך די טיר,
און זאָגן: גוט־מאָרגן
ה אַ ל ק י ן, צו דיר.

פּראָסטיק דער טאָג,
אומעטיק טונקל
דער שיידוועג בײַם ראָג...

צו אַ קראָ

— ?וועמענס ביסטו גאַסט, דו בייזע קראָ
אַז די טויטע לעבן שוין ניט דאָ,
אָפּגעמעקט דער אות פון שטיין,
און די שמאָלע שטעגעלעך געוויין
צעאַקערט.

נאָך וואָס ביסטו געקומען, קראָ,
?יאָמערן מצבות אויף אין דיר
ציט אויך דיך צו אומעטיקע ווענט,
צום גערויש פון בלעטערשפּראַך
?ביי שטייניקע צוקאָפּנס

כ׳האָב אַ מאָל דיך פײַנט געהאַט. נאָר איצט
אַנדערש דיך צו זען איז מיר באַשערט.
און מיר דוכט, דײַן שוואַרצע אויג טרערט.

נאָך אַ טויטן פּאָעט

ניטאָ קיין צײַט צו קוקן אויף לאַמטערנס
און אפשר גאָר ניטאָ קיין מוט,
ווײַל איידער מען דערזעט אַ שטערן
דערזעט מען בלוט.

און קלעפּיק ווערן טרוים און וווּנדער
און אומריין ווערט אַיעדע שעה,
און דיכטער זײַנען אויך פֿאַרוווּנדעט
און ווער צו היילן איז ניטאָ.

מען נישטערט און מען זוכט אין דרויסן
אויך אינעווייניק, ביז צום דנאָ,
נאָר עפּעס אַנדערש איז מען אויסן —
און עפּעס אַנדערש איז ניטאָ.

די פּונקען אַשיקן פֿאַרוויסטע
און מער ניטאָ אַזאַ אַדרעס
ווו ס׳פּלעגט דאָס ליד די טיר אַ רים טאָן
און הויך אַרויסשאַלן אַ נס,

און מיטרײַסן אַיעדן איינעם
און טרעפֿן פּונקט אין קנופּ פֿון שלעכטס,
און לײַטערן אַט דעם געמיינעם
וואָס איז געמיינערהייט גערעכט.

ניטאָ אַ שוועל, און די פּאָעטן,
ווער ווייס ווו ס'איינזאַמט זייער טראָט.
מיט פֿײַערדיקע סילועטן
איז פינצטער פרעמד די שטאָט.

צו אַ פֿרײַנד

פֿאַר נחמה ל.

ווײל איך קומען הײַנט צו דיר —
ווײס איך ניט דײַן שוועל,
ווײל איך ברענגען דיר אַ בלום —
זײַנען בלעטער געל.

ווײל איך זאָגן דיר אַ וואָרט —
לאָזט מיך ניט דער ווינט,
ווײל איך הערן ווי דו זינגסט,
זינג זשע, זינג, מײַן קינד.

נעם מײַן ליבשאַפֿט ווי אַ בלום,
נעם מײַן וואָרט צו דיר,
זיכער, זיכער וועלן זײ
קומען צו דײַן טיר.

שפּליטערס

אין מאָסקווע בײַ נאַכט,
נײַנצן פינף און זעכציק,
אָנהייב מערץ, ווען שניי אָטעמט אויס
די לעצטע קאַלטע אָטעמס
און וועגן דרעמלען האַלב שנייִיק,
האַלב פאַרבלאָטיקט,
ווען פענצטער טריפן אָפּ
דימענטענע בלומען
און אײַז־ליכט ווײנט אַראָפּ
מיט לעצטן טראָפּן שניי, —
אין אַזאַ נאַכט
האָב איך אין האַנט גענומען
„אַ שפּיגל אויף אַ שטיין".*

אַנטקעגן מיר געשוואַרצט האָט
האַלקינס פענצטער,
מאַרקיש האָט געבלאָנדזשעט אין מײַן בליק
און קוויטקאָ האָט געשמייכלט צו געשפּענסטער
מיט פולע אויגן לידער־גליק.

פּאָעטן יִדישע, אין מאָרגנס אין פאַרגרויטע,
געגנוג גערעדט פון אײַך מיט מעשׂיות פּלעריי,
געקומען זײַט איר סוף כּל סוף, כאָטש טויטע,
און אויסגעזונגען אײַער ליד אַליין.

* אַנטאָלאָגיע פון די אומגעקומענע יידיש־סאָוויעטישע שרײַבער.

ווי פולער ווערט עם אונדזער קוואַל,
ווי אָרעם וואָלט אָן אײַך געווען אַיעדער.
איך הער אין יעדן ליד אַ פאַל
פון עפּל צײַטיקע, פאַרלאָזענע אין סעדער.

ס׳האָט נאַכט פאַרטיליקט אונדזער וואָרט —
מאָרגן האָט געפּריט אַ שטומער.
ווו ס׳איז דאָס בוך געלעגן
האָט געשטראַלט דאָס אָרט,
ווי ס׳וואָלטן לידער פון אַיענעם באַרג געקומען.

אײַז־ליכט טריפט אַראָפּ מיט לעצטע טראָפּנס שניי
און שפּיגלט אָפּ אַן אות
און שפּיגלט אָפּ אַ שטיין.

אין מאָסקווער שול

לאָז מיך אַרײַנזינגען טרערן אין סידור,
זאָל אויך מײַן תּפילה דאָ װײנען.
טרעריק אַזױ װי דער אַלטינקער סידור
מיט אײַך זאָל מײַן תּפילה אַלײנען.

אומעטיק שטײען צו מיזרח געבױגן
טײַבעלעך גרױע, פֿאַרטרערטע,
קוקן מיט דורות־צעטומלטע אױגן
אין אותיות װאָס שטײען פֿאַרקערטע.

גאָט איז פֿאַראַן אין די טונקעלע באַלקנס,
אַן אביון, אַן אָרעמער בלינדער.
נאָך קײן מאָל האָט גאָט זיך אַזױ ניט באַהאַלטן
װי דאָ, אַצינדער.

אין מײַן האַנט נעמט זינגען דער סידור
מיט שטילע ניגונים די אַלטע —
און כ'הער װי דורות בענקען װידער
פֿון מאָסקװער שול די קאַלטע.

דער ייִד פון מצבות

דעם זקן ר׳ לייב, דעם שומר פון מצבות, וואָס היט די ייִדישע געדעכעניש אין אַ זאַק שיימעס אויף זײַן אַקסל.

זײַ ניט ברוגז אויב כ׳וועל דיך פאַרשרײַבן
אין טרעריקן פּנקס בײַ מיר,
מיט אותיות דינע פאַרשרײַבן
ווי די אויפן געלן פּאַפּיר
אין זאַק אויף דײַן פּלייצע דער קרומער,
פאַרחתמעט מיט רמז און פּשט.
ווער זאָגט, אַז טויט איז אַ שטומער?
אָט און עס יאָמערט דײַן בלאַט,
איך הער, ווי עס ריידן די נעמען, —
וועלטן פון דורות אין שטיין.
דער טויט מוז אויך פאַר וועמען
לאָזן אַן אות פון געוויין.

*

דײַן מלבוש — צעווינטיקטע פליגל,
די שיך — צעקרימטע פון געוויין,
וואָס טוען אַ הייב זיך ווי פליגל
און פאַלן אַראָפּ בײַ אַ שטיין.

און דאַן שפּיגלט דײַן פּנים
פײַער, בלוט און פאַרלענד,
וואָס קען זיך שוין מער ניט דערמאָנען
וויפל און ווו און ווען.

די אויגן געדענקען. די אויגן —
ניטאָ אַזאַ פֿאַרב ווי דײַן בליק.
און דו, דווקא דו האָסט דער ערשטער
געזאָגט: „אַזאַ גליק, אוי, אַ גליק”.

דו האָסט ניט קיין שטעקן צום וואַנדער
ווײַל דו ביסט דער וואַנדער אַליין;
ווי שווער איז מיר דאָ צו לאַנדן
נאָך דעם ווי כ׳האָב דיך געזען.

געפֿינטלט מיט שרעקיקע בליקן
אין קעניגרײַך דײַנעם — מצבֿות,
און דאָ, בײַ פֿאַרמעקטע צוריקן,
לעבסט ווי בגנבֿה.

ווי ענלעך דו ביסט זיי, די שטיינער,
ווי דײַנס זייער האַרץ וואָלט געווען,
זיי ווייסן אַוודאי, דו איינער
היטסט זיי פֿון אַלע פֿאַרגעסנס.

אין דיר זייערע סודות,
שטיינער — פֿאַרגעסענע יאָרן,
זיי האָבן פֿאַרשטעלט זיך פֿאַר עדות
אַז דו זאָלסט זײַן דער זכּרון.

דו, מיט אַ זאַק ווי אַ חידה
פון דרויסן פאַרטרערט און פאַרשימלט,
נאָר אין אים, אוי, וויפל ייִדן!
איעדער באַשטערנט, באַהימלט.

דו טראָגסט אים דעם זאַק — אַן אוצר,
אַזוי ווי אַן אָטעם אַ לעצטן,
און היטסט די נעמען פון טויטע,
דו לאָזט ניט די ערדה פאַרגעסן.

*

וואָס זשע וועט זײַן מיט ר׳ לייבן,
אויב אים וועלן רופן די שטיינער?
ווער וויים, וואָס וועט בלײַבן —
אפשר ניט קיינער.

איך ווייס

כ׳וועל ריידן צו דיר דורך אַ משל אַן אַלטן,
פֿאַר וואָס איז אַ בלימל אין פֿעלדזן דער שענסטער?
זײַן בייט איז אַוודאי דער קלענסטער,
די וואָרצלען די דינע פֿאַרקלאַמערט אין שטיינער
און אויסער זיי — פֿעלדזן, און קיינער ניט, קיינער.

איך ווייס ניט פֿאַר וואָס, ווי אַזוי אָט די בלומען
בליִען און גליִען און בענקען און שטומען,
איך ווייס, אַז אויך איך בין אַ צווײַגל מסתּמא
פֿון יענע די זעלביקע בלוטיקע שטאַמען,
וואָס בליִען בײַ פֿעלדזן און וואַרטן ווי שטיינער,
און אויסער די פֿעלדזן — קיינער ניט, קיינער.

אײַז־ליכט

װער האָט געקושט אײַזיקע ליכט?
דינע, קאַלטע הענגלעך אײַז,
איך האָב געקושט הענגלעך אײַז,
אַרײַנגעװײנט אין אײַז
און אויך מײַן טרער איז פאַרפראָרן.

אָט הענגען זײ אונטער דעכער
בײַ די װענט,
הענגען װי אויסגעשניצטע געטער,
אָן הענט, מיט אָנצאָליקע הענט,
שטראָמיקײט אָן גלױבן,
אָן פּנימער, אָן אויגן,
פאַראײַזטע שטיפערײַען,
װײַסטע יינגשאַפטן,
פײַערן פאַרפראָרענע,
בליונגען פאַרלאָרענע.

קינדער זײגן פון דעם אײַז,
קינדער פילן: ער איז הײס,
ער איז װײַס,
בלוי,
טוי,
אמתער פון פרילינגטוי.

גאָרניט זאָגט ער צו.
װײַסע רו.

אַ גרינס־פּאַרקויפער

דו ברענגסט אין פרימאָרגן
אַ רעטעך און מער,
אויפן וואָג דײַנע זאָרגן —
אַהין און אַהער.

דײַן טישל הינקט
פאַרדרעמלט, פאַרגרויט,
באַפּוצט אים אַ בוריק
מיט פינקעלעך רויט.

ווי ציט מיך צו דיר
אויפן קאַלטן אַרבאַט *
ווו האָב איך אַ מאָל
אַזאַ זעונג געהאַט?

צי טראַכסטו אויך דו
אין דער פרײַקער שעה
אַזוי ווי דער זיידע
אין קרעמל, בײַם ראָג?

צי אפשר איז גאָר
דײַן בלייכע געזיכט
דער אָפּשײַן פון מאָלערס
פאַרטונקלטע ליכט?

* אַ גאַס אין מאָסקווע.

פלוצעם פֿאַרשווינדסטו
פון ווינקל אַרבּאַט...
ווּ האָב איך אַ מאָל
אַזאַ זעוּנג געהאַט ?

אותיות

ייִדישע אותיות, וויינט ניט
בײַם שרײַבן ווערטער פרעמד.
ייִדישע אותיות, וויינט ניט
און זײַט ניט אַזוי פאַרשעמט.

דער א ל ף אין קרומסטע פאַרקניפּן
פאַרבלײַבט ווי אַ מאָל א ד ו נ י,
דער ב י ת פון פאַרבלאָנדזשעטע ליפּן
פאַרשרײַבט אויפן קול: ב נ י.

וויינט ניט, איר ייִדישע אותיות,
אַהבה אין אַלפּס אַ — —
קומט זשע אַרײַן פון דרויסן
זינגען דעם טרעריקן ש מ ע.

הערט, ווי עס בענקט אײַער ניגון
צו זיך, צו זיך אַליין;
איר ייִדישע אותיות —
טרערן פון מײַן געוויין.

צו אַלעקסאַנדער בלאָק

אויך איך זוך אין שטורעם אַ וועג
און קיינער ניטאָ איז אַנטקעגן,
איך האָב דײַנע לידער געפרעגט,
איך האָב דײַנע שטורעמס באַגעגנט.

אויך איך שפּיגל זיך אין תּהום
און זע דאָרט מײַן פּנים אַ קרומען,
און כ'הער אַרויס פון תּהום
ווי קלאַנגען ברומען, ברומען.

ניט שרעק מיך מיט אַלץ וואָס דו ווייסט,
כ'וועל סײַ ווי פון וועג זיך ניט קערן.
אַ שטומע וועלקט די טרייסט —
און אפשר בליט אַ שטערן?

דער פרעמדער בוים

דער פרעמדער בוים איז מײַנער.
ער איז געוואָרן מײַנער
אַז איך האָב אים געבראַכט אַ טראָפּן טרער,
און ער האָט אין דער פרי
געבראַכט צו מיר
אַ ווײַסן בליט,
זאָגנדיק דערמיט: גוט-מאָרגן,
און כאָטש ניט איך האָב אים פאַרזייט —
האָט מיך זײַן בלי באַנומען,
און איך האָב אויך דעם בוים געבראַכט
מײַן ליד ווי בלומען.

ריגע, 1964

דו ביסט מײַן ברודערל,
מײַן שוואַרצאויגיקער, טײַערער,
דער וואָס אַוועק אין די פֿײַערן.

נעכטן האָב איך דיך דערזען אַ פֿאַרוווּנדערטן
צווישן ייִדישע פּנימער הונדערטער.

האָב איך אַ קליינע מתּנה געשענקט דיר,
ווײַל האָסט געבענקט צו איר.

דו האָסט געוואָלט אין דײַן קלײנינק הענטעלע
פֿילן דעם סנה וואָס ברענט און פֿאַרברענט זיך ניט.

ווי פֿייגל וואָס ווייסן דעם וועג ניט געלערנטע
צו ברענגען צו ווײַטסטע דורך ימען באַשטערנטע,

ווייסטו צו בעטן אַ סימן אַ בלוטיקן,
ליכט אויף אַ נאַכטיקן וועג צו דערמוטיקן.

טאָ ווײן ניט, אויב ס׳האָט עס אַ בייזער פֿאַרנומען,
איך שווער דיר, איך שווײַג דיר מיט בלומען.

וועסט מאָרגן געפֿינען די שענסטע מתּנה,
ייִדישער ייִנגעלע, ווי איז דײַן נאָמען?

ווילנער געטאָ, 1964

די הויפן, די טרעפּ —
אָפּענע מײַלער,
און איך — זייער שטומער געוויי,
צעשליסן זיך שלעסער ווי ווונדן,
ווי בײַלן,
און זשאַווער, בלוט רינט פון זיי.

אַ שטומע אַנטרין איך
אין געסלעך פון געטאָ:
רודניצקי... סטראַשון...
ביז הײַנט איז נאָך פינצטער
אין הויפן פון געטאָ,
ביז הײַנט שעמט זיך קומען די זון.

איך וויקל פונאַנדער
פאַרחתמעטע ווערטער,
זיי שטעכן ווי שפּיזן אין גוף.
אין טרוקענע הויפן
אָן ליכט און אָן טרערן
כליפּעט אַן עכאָ, אַ רוף.

דאָס רופן מיך דאָ
פאַרשלאָסענע אויגן,
דאָס רופן פאַרהונגערטע הענט.
איך האָב ניט געלייענט
אין ביכער מײַן גורל,
אַליין דאָ די ייִדן געקענט.

איך בין ניט פון ווילנע,
בין דאָ דערלאָפן
אַ קינד נאָך, אין בלוט איז דער וועג.
טאָ זאָל מען מיר מוחל זײַן
אויב מײַנע סטראָפן
פֿאַרשווײַגן דעם ווילנער פֿאַרמעג.

איך ווייס עס פון סוצקעווערס לידער,
פון גראַדעס,
איך ווייס עס פון תּורה־בעל־פּה.
מײַן יתומדיקייט
האָב איך הײַנט דאָ באַגעגנט
אויף געטאָס צעבראָכענע טרעפּ.

דיביימער וואָס גרינען —
פֿאַרקערט טוען גרינען,
די זון שײַנט גאָר אַנדערש, פֿאַרקערט.
בלויז געסלעך פון געטאָ,
אײַך ווידער געפינען
אַזוי ווי געווען
אויף דער ערד — —

בײַם אוהל פּרץ

דערפֿירט האָבן װעגן צום גענשער בית־עולם.
צי האָט זיך אַ װעג דאָרט פֿאַרענדיקט? —
בײַ פּרצעס אוהל, װוּ אַלע אין אײנעם
אַנטהילן פֿאַר מיר אַ לעגענדע.

אַריבער די קברים קוקט באַנטשע פֿאַרװוּנדערט,
ס'פֿאַרדריסט אים דאָס פֿײַנלעכע שװײַגן,
ער האָט עס געלערנט אַ גאַנצן יאָרהונדערט,
איצט זעט ער צעבראָכענע צװײַגן.

װער װעט אים דערהײבן, װער װעט אים דערפֿירן
צו ערדישע, װאַרעמע זונען,
עס זאָלן די בלעטער די גרינע ניט פֿרירן
מיט אײַזיקע נאָדלען פֿאַרשפּונען.

נידערן טיפֿער די אַקסלען די מידע,
באַלאָדן מיט קברים און קברים —
און זאָלן ניט בלײַבן אין מיר מײַנע לידער
פֿאַרשװיגן, הכנעהדיק אָרעם.

איך װיל אָט די שטײנער, געדולדיקע שטײנער,
באַפֿליגלען מיט פֿונקען פֿון ניגונים,
אַז זײ זאָלן העכער און אויב ניט נאָך העכער
אַ פֿלי טאָן פֿון אַלע פֿאַרשװיגנס.

מאַלינעס

די וואָס באַהאַלטן זיך ווײַט פֿונעם אויג
ציִיטיקן ווײַניקע גלימערלעך אויס,
וועל איך זיי זוכן און ברענגען אַהיים,
ציִיטיק פֿון זון און געוויין.

זע, ווי די מאַלינעס רייטלען זיך לינד,
ווי זייער בליִען וואָלט זײַן דאָ אַ זינד.
הער ווי זיי האָרכן צום אָטעם פֿון וואַלד:
אפֿשר רויטהיטעלע קומען וועט באַלד?

לאָמיר זיך אויסשווײַגן, ליבע, באַנאַנד,
ס׳טוט מיר ניט ווי אײַער שטעכן מײַן האַנט.
אין אײַער בלוטיקן פֿינקל געהיים
נעכטיקט מײַן היים.

אויף אַלע וועגן

אויף אַלע וועגן הער איך דײַנע רייד
און קלײַב זיי אויף ווי שטומע שאָף,
אַ ווינטיקע איך בעט בײַ זיי
אַ מעשׂה מיט אַ גוטן סוף.

ווי ס'פּלעגט אין מעשׂהלע אַ מאָל
דער בער דערשרעקן מיט אַ ברום
און פון זײַן לויערדיקן קול
האָט יעדעס בלימעלע פאַרשטומט.

און הערנדיק האָט ס'האַרץ געשטיינט
און זיך געשראָקן און געוואַרט,
אין ריינעם קינדישן געוויין
צום גוטן-גוטן סוף געגאַרט.

אויף אַלע וועגן — דײַנע רייד,
און איצט, פּיליאָריק ווײנט מײַן שלאָף
נאָר ווי אַ מאָל איך בעט פאַר זיי
פון מעשׂהלע דעם גוטן סוף.

מיט לײדיקע הענט

מיט לײדיקע הענט כ׳בין געקומען
פינגער פֿאַרקלעמט אין פּויסט,
האָב איך שטום מײַנע הענט צענומען
געפֿרעגט זיך אַליין: װער װײסט

צי כ׳האָב ניט אַ מאָל אײַער שװײַגן
פֿאַרלאָרן אין טומל פֿון שטאָט,
און אײַער פֿאַרשנײַטן פֿאַרבײַגײן
פֿאַרשטאָנט מיט האַסטיקן טראָט.

האָט אפֿשר דערפֿאַר אַ ניגון
געװײנט און געװאָרנט בײַם טיר.
װער װײס, צי װערטער פֿאַרשװיגן
זיצן ניט שבעה נאָך מיר?

בלעטער פון וועגן

דערלאָפן בין איך ביז צום אָנהייב
און מיטגענומען קינדער־טריט,
מיט אַלע ווײַטן און מיט שטויבן
בין איך געבליבן בײַ דער וויג.

די מאַנדלבליטן ווײַס און צײַטיק
מיט ביטערקייטן פון געשריי,
און אַלע זונען פון דער ווײַטן
בלוטיקן מיט אַ פּאַרגיי.

נאָר אַז אַ שטערן טוט באַרירן
מײַן גרויען שאָטן, גרוי מיט מיר,
יִנגער טו איך זיך דערפירן
צוריק צום שוועל פון בלויער טיר.

אַ גוטע נאַכט צו אַלע גייער,
באַלד בלײַב איך ווידער דאָ אַליין,
און פון דעם ווײַטסטן טויער
וועל איך זיך אומקערן אַהיים.

צו אַ בוים פון דער ווײַט

פליגל אין ווײַט

כ׳וועל תמיד אײַך קומען אַנטקעגן
אין שעה ווען איר נידערט צום פעלד
און פרעגן און פרעגן — —
אַ גרוס מײַן געצעלט.

איך זוך נאָך אין אײַערע פליגל
אַ שפּליטערל, פעדערל נעסט.
איר שעמט זיך מיר זאָגן אַ ליגן,
פאַריתומטע געסט.

פאַרפלויגן און קוים זיך געזעגנט
בײַם ראַנד פון פאַרלאָרענער צײַט.
אַוווּ זאָל איך קומען אַנטקעגן
זוכן פליגל אין ווײַט?

מײַנע װעגן

נים פֿאַראַן אין מיר דעם פֿויגלס דראַנג צום װאַנדער,
מײַנע װעגן ציִען נים אַװעק.
כ׳האָב פֿון בוים פֿאַרהים זײַן װוּנדער
און װי ער פֿאַרבלײַב איך מיטן װעג.

נים אין װײַטן נעסטן מײַנע שטערן
און עס לאָקט מיך נים די װײַט פֿון רוים,
אַלץ װאָס איז ניטאָ און װעט נאָך װערן
נענטערט מיך צום בוים.

אַזוי פיל געדענקען

אין קאָרע וואָס וואַקסט אַרום בוים
איז בלײַונגס אינטימסטער זכּרון.
די שווײַגיקע קאָרע פון בוים
פאַרוויקלט מײַנע יאָרן.

איך לאָז זי אַרומנעמען מיך
און זאָל זי בענקען,
שווער איז איינעם אַליין
אַזוי פיל געדענקען.

וויסט פאַר וואָס

פאַר אריה שמרי

וויסט פאַר וואָס כ'האָב ליב דעם בוים?
ווייַל ער וואַקסט און וואַקסט אַלץ טיפער.
זייַנע בלעטער ווערן יינגער,
זייַנע פייגל ווערן זינגער,
זייַנע זונען — מערער,
זייַנע זאַפטן — קלערער,
שפּיגלט ער זיך אין די פאַרבן
און פאַרגעסט צו שטאַרבן.

מײַן פֿעלד

מײַן פֿעלד,
מײַן נאָענטסטער פֿעלד
מיט זון אין דײַנע אָדערן,
ווי איך פֿלעג פֿון דײַן גוף
די שטעכלקעס אַרויסנעמען,
העלף מיר איצטער דו
דעם ווײ אַרויסקלעמען.

פֿעלד,
מײַן נאָענטסטער דו
מיט קאָרנבלומען ווינטיקע,
אפֿשר ווייסטו דו
דאָס פֿאַרזינדיקטע?

קאָרנבלומען

בלומען בייגיקע אין פעלד,
זון און ווינט און רעגן.
ווער דערמאָנט זיך אײַער וועלט
און געדענקט צו פרעגן,

ווי איר ניגונט אײַן אין ברויט
טרער און בלי און וווּנדער.
און ווי בליִענדיק אין ברויט
נאָגט אין אײַך אַ הונגער. —

קוקט איר שטילע אין דער הייך
ווו די פייגל פליִען —
און אַ רויטער טראָפּן טוי
וויינט אין אײַך בײַם בליִען.

*

ס׳איז נאָך גרעסער מיר דײַן װוּנדער
פֿון דײַן בלײַען גאָר באַזונדער,
פֿון דײַן בלויען ניט פֿאַר קײנעם,
ניט מיט אַלעמען אין אײנעם.

אפשר װײסטו בלויז דו אײנע
אָט דעם סוד פֿון דײַן אַלײנען —
קײנער זאָל מיט דיר ניט פֿרײען,
קײנער זאָל נאָך דיר ניט װײנען.

אָבער איך האָב שוין דערזען דיך
אין אַלע חנען,
װי זשע װעסטו איצט אַלײנען?

האַרבסטיקע זריעה

שפּעט-בלום, גרויער שטיפער
ווײַזט דער גאַנצער וועלט
זײַן צײַטיקייט אין סוף פון האַרבסט.
אָנגעגורטער מיט פאַרמעגן
וויגט ער זיך בײַ אַלע וועגן
און ער וואַרט.

זײַנע פרײַנד, די ווײַסע ווינטן,
רינגלען אים אַרום,
און זיי לויבן מיט התמדה
זײַנע צוקונפטיקע קינדער
אין געשטאַלט פון בלום.

גיי און לערן זײַנע גאַנגען,
זוניקער פּאָעט;
אויסגעצײַטיקט די פאַרלאַנגען
און אַנטפּלעקט זיי ווי געזאַנגען
צו פאַרזייען אין אַרומען
איידער שפּעט.

בלי

ביסט אַליין געקומען
אומגעריכטערהייט,
ווי זשע איז דײַן נאָמען
גרין, צי ליל, צי רויט?

שווײַגסט פון פרי ביז אָוונט,
ניט אַ וואָרט, אַ וויין,
בלויז אין די פאַרטאָגן
לילסטו זיך אַליין.

אפשר ווילסטו גאָרניט
מײַן באַריר צו דיר,
אפשר דאַרפסטו גאָרניט
דאָס געזאַנג פון מיר?

טאָ פאַר וואָס זשע קומסטו
אין דער זעלבער שעה
און אַ לילער בלומסטו
זיך אַרײַן אָט דאָ?

און אַ שטילער שטומסטו
ביז איך הער דײַן מיין,
ווען איך זע דײַן אומעט
ווי אַ רעגן גיין.

דוכט מיר, אַז דו נענטערסט
ליבערהייט צו מיר
און עס בלײַבט דײַן ענטפער
בליִען איבער מיר.

חצבים *

אַ ווינטיקע זון נעמט אַרום מיך
און ס׳בליִען שוין האַרבסטיקע בליטן, —
ליכטעלעך ווײַסע און דינע,
ווער וועט דאָס פלעמל פאַרהיטן?

איידער ס׳פאַרבליט און פאַרלעשט זיך
פינקלט פון זיי דער זכּרון,
און האַרבסט, אַזאַ גרויער, פאַרגעסט ניט
און בלעטערט אַריבער די יאָרן.

* חצב — אַ פלאַנץ וואָס בליט אין האַרבסט.

אַ ריח פון ברויט

אַ ריח פון ברויט האָט געפּריט אין די גאַסן
און איך האָב געבענקט צו דער זאַנג.
אַזוי ווי דאָס ברויט וואָלט אַ יתום געוועזן
אָן פעלד, אָן גאָלד, אָן געזאַנג.

און כ׳בין מיטן ברויט געבליבן פאַרפרעמדט
אָן אוצר אָן פרייד, אָן מי,
ווען כ׳וואָלט ניט דאָס גאָלדענע ווערן דערקענט
וואָלט ברויט מיר גענוגט אין דער פרי.

וואָרצלען

פון גאָר אַ מאָל
פלעג איך אײַך זוכן
און פרעגן ווו איר לעבט,
פאַר וואָס ניט אין דער זון,
פאַר וואָס ניט אין די בלויען,
צי האָט איר אַלעמען אונדז פֿאַינט,
אַז איר אַנטלויפט צו דנאָען?
ביז כ׳האָב דערזען אײַך,
וואָרצלען,
אויבן אויף
מיט געלע פינגער שווײַגן,
און אומבאַהאָלפן האָב איך געזוכט
גרינע צווײַגן.

אַז איך פאַרגעס

אַז איך פאַרגעס די וועגן
שטיי איך בײַ מײַן טיר
און הער ווי קולות פרעגן:
פרעמדער, קומסט צו מיר?

טרייסל איך אַרונטער
לעצטע שפּורן פרעמד
און זינג אַרויס פאַרוווּנדערט:
האָסט מיך ניט דערקענט?

מײַן ליד איז דאָ פאַראַנען
אין שאָרך פון יעדן בלאַט,
נאָר אַ טראָט פון דאַנען
האָב איך מײַן נעסט געהאַט.

אָט הער איך ווי עס זינגען
די יונגינקע אין נעסט,
און בוים פאַרציילט די רינגען,
פאַרגרינט זיך און פאַרגעסט.

ווי ווילט זיך אים דערמאָנען
זײַן בראשיתדיקע שעה,
וואָס האָט מיט דינעם זאָמען
אויך מיך פאַרוועבט אָט דאָ.

זיי נעמען מיך צו

ביימער אין רעגן זיך בייגן,
נענטער ווערט וואָרצל מיט קרוין.
אַ זומער אַ לאַנגער פון שווייַגן,
איצט קומט די גרינקייט צוגיין.

בייג איך זיך אויכעט צום רעגן,
זייג זיך אין וואָרצל אַרייַן,
הערן די ביימער מייַן פרעגן,
ווייסן די ביימער דעם מיין.

זיי נעמען מיך צו פון די וועגן
מיט דאָרן און ווּנד און פאַרבלי,
און ברענגען מיר זוניקן רעגן
און גיבן מיר היים אין דער פרי.

*

אַרײַנגעאָטעמט כ׳האָב דעם רעגן, —
אַן אײגענער, אַ נאָענטער,
און בין אַוועק מיט אים
דורך פינקלדיקע בלעטער.
אַ רגע איז אַלץ פאַרשוווּנדן,
ים און האָריזאָנטן —
װײנענדיקע ערד.

געבליבן בין איך מיטן רעגן.

און מײַנע נאָענטע
האָבן זיך צעװײנט
װי קינדער אויף די הענט;

דער רעגן בלויז
האָט די באַגעגעניש דערקענט.

אַ בוים לערנט זײַנע קינדער

א

ביסט געדעכט
מיט יעדן וואָרט.
נאָר אויב אַזוי
ווי דו דערציילסט,
אַז ווייסט שוין אַלץ
און הערסט אין רונד אַרום
דאָס וועלקן פון אַיעדע בלום —
איז נעם דעם רעשט
פון מײַנע טעג
און שיט זיי אויס
אין מיטן וועג.

ב

אַ באַזונטער,
אַ באַגרינטער
צו מײַן פֿענצטער
זיך דערהייבן,
גרינע אויגן,
גרינע ברעמען,
פֿול מיט נעסטן אויף דײַן אַקסל
און אין גרינקייט אויסגעוואַקסן.

ג

הער מײַנע רייד די פֿאַרקלערטע,
הער מײַן פרייד די פֿאַרטרערטע.
איך בין שוין אַלט, און פֿאַרגאַפּט
פּליסן אין מיר מײַנע זאַפטן.

וועסט זיך דערשרעקן פֿאַר הארבסטן,
וועסט זיך באַדעקן מיט קאַרבן,
אויב וועסט געדענקען דײַן גרינען
וועסטו עס ווידער געפינען.

אויב וועלן בלעטער דיר פֿאַלן
קלעטער אַרויף צו די שטראַלן,
און אַז וועסט בלײַבן מיט גאָרניט,
וויין ניט און שטוין ניט און שפּאָר ניט.

זוך מיט פֿאַרבאָרגנסטע אויגן,
זוך די פֿאַרפלויגנסטע פייגל,
טו ניט דײַן גרינקייט פֿאַרגעסן,
דאָ וועט דײַן זוניקייט נעסטן.

ד

ווער בין איך
ביַי דיַינע גרינלעכע שקיעהס?
מיט גראָקייטן מיַינע
אויף טונקעלע וויִעס
וואַקס איך אַלץ גראָער,
וואַקס איך אַלץ קלענער.

לאָז מיך דערלאַנגען
מיט אומעט
ווי גרינקייטן
נאָך אַ מאָל קומען.

צום בוים פון ראָזשינקע און מאַנדל

בוים פון ראָזשינקע און מאַנדל,
נאָר אַזוי איז שיין דײַן נאָמען,
האָסט פאַרענדיקט מיטן וואַנדל
און געבראַכט אונדז ווײַסע בלומען.

זיך געזעגנט מיטן אומעט
האָסטו אײַנגעטונקט דײַן שווײַגן
אין אַ צווייט פון מאַנדלבלומען
צווישן וויינענדיקע צווײַגן.

בײַ די בלומען בײַ די ווײַסע
שטייט אַ ציג און האַלט אין קלערן,
ווי עס קען אַ מאָל אַ מעשׂה
אויף אַן אמת — אמת ווערן.

האָט אַ פויגל זיך דערשראָקן
פאַר דײַן פלוצעמדיקן בליִען,
אפשר האָט מען אים פאַרטראָגן
און פאַרכישופט אים דאָס פליִען?

צוליב אַלע קינדער־וויגן
קומסטו דאָ דער ערשטער בליִען,
צוליבן זיסן מאַנדל־ניגון
טוסטו זיך אַזוי פיל מיִען.

בוים פון ראָזשינקע און מאַנדל,
וויין ניט, בלי און בלי נאָך ווײַסער,
ביז עס ווערט אַ טרער פאַרוואַנדלט
אין אַן אומעטיקע מעשׂה.

צו רחל

די נײַע פֿייגל־דורות,
וואָס קומען צום כּנרת,
זינגען לידער אַנדערע.
זיי פֿליִען דאָ פֿאַרבײַ
און הערן גאָרניט
ווי דער אַלטער איילבערטבוים
בלעטערט דײַנע לידער
און זינגט אַריין זיי
אין כּנרת.

צווישן מויערן

נאָך קיין מאָל

נאָך קיין מאָל
בין איך ניט געווען אַזוי אַליין,
נאָר ניט איך וויין
און ניט איך בעט,
איך ווער אַ ווײַסע מעווע
אויף שפּיץ פון מאַסטן,
ים און ים,
און כ׳טו אַ פלי
צו קושן זיך מיט ווינט און זאַלץ.
די שיף פאַרגעסט אין ים פון אירע לאַסטן,
נאָר איך
געדענק אין אַלץ.

בײַ קײנעם

בײַ קײנעם קײן פֿרײד ניט אַנטלײַען,
ניט זוכן דעם טומל פֿון שטאָט
אין לאָמפּן װאָס ליאַרעמען, שרײַען,
פֿאַרשיכּורט און נאַקעט װי לוט.

איך װעל די גאַסן באַװײנען
און זוכן די אוראַלטע נאַכט,
װאָס האָט פֿון די טיפֿסטע אַלײנען
אַ בלױען פֿרימאָרגן געבראַכט.

ביז כ׳וועל קומען

זיי וואַרטן מיט געדולד
ביז איך וועל קומען.
מיט לאָמפּן און מיט מענטשן־טומל
וואַרפן אָן אַ שרעק אויף מיר
צוליב דער זיכערקייט אין זייער וואַרטן,
אַז כ׳וועל קומען.
און צוליב אַלע גאַסן, וועגן,
וואָס ליגן אומבאַקאַנט אַנטקעגן
און ווייסן, אַז כ׳וועל זיכער קומען,
ווײנט מײַן אומרו אין די שעהען
וואָס באַהאַלטן טראָפּנס בלויען
און פאַרנאַרן אַנדערשווו.

ווי זיי קענען מיך, די אַלטע מויערן,
שטיל זיי עפענען אַ טיר,
האָבן זיך דערוואַרט אויף מיר,
זיכערע און רויִקע,
אַז כ׳וועל קומען.
און בײַ נאַכט, אַז אומגעריכט,
האָט אַ טויב צו מיר געגענט
און מײַן ווײַטן טראָט דערקענט —
בין איך ווידער שוין ניט פרעמד,
ווײַל די טויב און אַלץ אַרום
האָבן אויך געוווּסט, אַז כ׳קום
און געדולדיקע געוואַרט
ביז כ׳וועל קומען.

פרילינג אין ניו־יאָרק

אויסגעפּוצט אין ווײַסן צווײַט,
יעדעס צווײַגל אָפּגעהיט,
ניט פּאָר פויגל, ניט פּאָר בין
פרילינגט הײַנט.

זוך איך פרילינג און איך זוך
אויף מײַן קלייד און אויף מײַן שוך,
אין מײַן אויג, אין מײַנע הענט
אין דער פרעמד.

טו איך תּפילה צו אַ בלום,
צווישן מויערן אַרום,
אינעם לויער צווישן ווענט
אין דער פרעמד.

זוך איך פרילינג אין אַ קינד
וואָס פאַרשווינדט אויף בלינדע טרעפּ.
און איך ווייס ניט ווו און ווען
וועלן מיר דעם פרילינג זען.

ביימער אין שטאָט

זיי מאַטערן מיך טעג און נעכט,
די זריעות פון די ביימער
וואָס וואָגלען עלנט אין די שטעט
און האָבן ניט קיין היימען.

אַזוי פיל בענקענדיקער בלי
אויף האַרטע טראָטואַרן,
אַזוי פיל דורות אין ניט־הי
פאַרגייען און פאַרדאַרן.

דער ווינט, וואָס קומט בלויז אויף אַ ווײַל
די גאַסן צו פאַרקערן,
ווישט אָפּ די זריעות אין געאײַל
ווי איבעריקע טרערן.

צו דזשעקסאָן פּאָלאָק

דײַן ליד וואָס האָסט געצייכנט
איז אָנגעפּלעקט מיט פאַרב,
און דאָרט האָסטו פאַרצייכנט
די רגע ביז זי שטאַרבט.

ס׳איז קיין מאָל די אַליינקייט
אַליין דאָ ניט געווען.
און קיין מאָל איז די איינקייט
דאָ איינע ניט געווען.

פון אַלץ פאַראַן איז מערער
ווי ס׳קענען אויגן זען.
פאַר וואָס האָסטו פאַרלאָרן
דײַן חבר, ווו און ווען?

אָט זוכנדיק זײַן שאָטן,
זײַן דינינקע געשטאַלט,
האָסטו מיט פאַרב פאַרשאָטן
די גאַס וואָס אים באַהאַלט.

נאָר פון די שוואַרצע פלעקן
אַרויסגעכאַפּט די זון,
זי זאָל זיך ניט דערשרעקן
פון אַלץ אין דעם אַרום.

אַ נעגער־ליד

אין שניי וואַקסן טונקעלע בלומען,
אין שניי ווערט פאַרפראָרן אַ טרער.
אַ דורשטיקער טוליעט זײַן גומען
צום שניי, און בלײַבט דורשטיקער מער.

אָהאַיאָ, אָהאַיאָ מײַ דאַרלינג,
וואָס טוסטו אין שנייִקער קעלט?
עס טאַנצט דיר אַנטקעגן אַ קאַרליק,
און ווײַזט דיר אַ שענערע וועלט.

דערכאַפּ אים, דעם קליינינקן, פלינקן
און שפּרינג אין זײַן פלאַטער אַרײַן.
און איידער וואָס־ווען קום טרינקען
דעם ביליקסטן רויטסטן ווײַן.

אָהאַיאָ, אָהאַיאָ געטרײַער,
דער שניי איז ווײַסער פון ווײַס.
אַוווּ דער טאָג דער נײַער,
וואָס שלינגט אַרײַן דעם אײַז?

טויט פון אַ קאַץ

אַ גוטע נאַכט דיר, טראָפּן ווײַס
אין שוואַרצן רונד אַרום,
דײַן פײַער איז געוואָרן אײַז,
דײַן אויער — שטום.

באַלד וועט אַ גליִיק, גלוסטיק רויט
אַ לויף טאָן פון די בערג
און צונעמען מיט זיך דײַן טויט,
דײַן ווײַסע טרער.

דערפאַר ביסטו געבאָרן ווײַס
איך זאָל בײַ נאַכט דערזען,
אַז אינעם גרויסן פײַער-קרײַז
ביסטו אַ מאָל געווען.

אינדיאַנער גרוסן

א

איך קען נישט וואַרטן
צו ווערן קלוג,
קנעט איך דערווײַל אַן ערדענעם קרוג
און זינג אין אים מײַן בלוט אַרײַן,
און קריץ אין אים מײַן אומעט אײַן.

איך קען ניט רוען אַזוי ווי דו,
שרײַ איך אַרוים מײַן שוואַרצע רו
און אַז איך מאַך די אויגן צו —
ווײנט דער וואַלד און ווײנט די רו.

ב

לבנה הונגערט ווי אַ וואָלף אין וואַלד,
איינזאַם איז איר שאָטן, ליגן איז איר ליכט,
און אַ שמייכל רויכערט טיף אין איר געזיכט.
די לבנה הונגערט ווי אַ וואָלף אין וואַלד.

היי, איר ווינטקינדער, באַפעדערטע אינדיאַנער,
אָט אָ גרייכט איר די לבנה מיט אַ פײַל פון בויגן,
אײַנגעטונקט אין שלאַנגענגיפט שטעכט איר דורך
דעם שמייכל אירן אין די אויגן.
בלײַבט דער וואַלד אַ פינצטערער, אַ טיפער,
טריפן בלויז די פעדערן מיט רויטער פאַרב,
און לבנה, הונגעריקער וואָלף, פאַרוווּנדיקט שטאַרבט.

ג

זיי פֿאַרגעסן דיך, יאָהאַלאָ,
זיי געדענקען קוים דײַן שפּרונג.
בלויז די וועלף וואָיען אוים
די עכאָס פֿון דײַן זונג.

דײַנע פֿײַלן זײַנען טויט
און דײַן בויגן בענקט
צו אַ רויטע צווײַג,
וואָס צעבראָכן הענגט.

וויגן שאָטנס אײַן די צווײַג,
שלאָפֿט אין איר דײַן טרוים.
און אַ שווײַגיקע דײַן ליד
בליִט אַרוים פֿון בוים.

*

פאַרגאָסענע גאַסן
באַפּלעקטע פון שיך,
וואָס האָבן פאַרגעסן
די וועגן צו זיך.

בלויז גיסן פונאַנד
זייער פאַרב אויף אַ וויַל
און נעמען צונויף
זייער ליכט אין געאיַל.

אַ טונקעלער פענדזל
פאַרשמירט אַלע טריט,
און ס׳בלייַבט ניט קיין סימן
פון טאָג און פון ליד.

אַ שעפּעלע פון שטיין

כ׳האָב ווידער דיך געטראָפן
צופוסנס פון אַ בוים,
וואָס איז פון האַרבסט אַנטלאָפן
צו דײַן פאַרשנייטן זוים.

האָב איך געוויינט פאַר שטערן
פאַר וואָס דו ביסט פון שטיין
און קענסט ניט קיין מאָל הערן
ווי ס׳קומט דער טאָג צוגיין.

דײַן פאַסטעך האָט פאַרלאָרן
זײַן פײַפל ערגעץ ווו,
און איז אַליין געוואָרן
אַ שעפּעלע ווי דו.

ווי אַזוי

אַ דין שנירל שניי
ווי מיט בלײַ פֿאַרצייכנט —
ווינטערס לעצטער ווײ,
שטילסטער צייכן.

צי ווייס וועד ווי עס קומט
אין שטאָט אַ טאָג אַ יונגער ?
אין אויגן מידע בלומט
און שפּיגלט זיך אַ וווּנדער.

איך הער אַן אַלטע פֿרוי :
I cant explain my feeling,
און וועד ווייס ווי אַזוי
האָט זי דערפֿילט דעם פֿרילינג.

פאַר אײַך

זיך אײַנהערן שטילער אין זיך
אין מיטן פון שטאָטישן ליאַרעם,
און צערטלען אַ וואָרט וואָס פאַרהיט
דעם זוניקן היימישן וואַרעם.

כ׳האָב אומעט געזען אָן אַ שיִעור
אין האָר, אין הענט, אין געפינקל,
און ס׳האָט מיך דער אומעט געפירט
פאַרעקשנט צו זינגען.

האָב איך די ווערטער געהיט,
וואָס זײַנען כמעט שוין אַנטלאָפן —
און דאָרט, אין געווירבל פון שטאָט
געיאָמערט פאַר אײַך מײַנע סטראָפן.

אין פֿאָרם פֿון וואָרט

דער מעטעאָר

דער מעטעאָר בין איך,
וואָס שווינדט אַדורך די רוימען,
ווײַל כ׳בין אַזוי פאַרקניפּט
רײַס איך זיך פון צוימען
און פאַל צוריק אַראָפּ
ווי שטויב פון אַלע שטערן,
וואָס זײַנען שוין ניטאָ
און ווילן ווידער ווערן.

שטומקייטן

פאַר אברהם סוצקעווער

א

אַ בוים רעדט זײַנע ווערטער
דורך צווײַג, בלעטער און בלום,
איך
בין
שטום.

מײַנע ווערטער טליִען,
מײַנע ווערטער ברענען:
טו זיי דערקענען
און רייד זיי אַרויס;
האָב ניט קיין מורא,
זאָג אויס
אַז איך
בענק
אַהיים.

אָט ווער איך צוריק אַ בוים,
דו — זײַ מײַן בלום,
ווײַל אָט,
און כ׳בין ווידער
שטום.

ב

דוכט זיך, קיין מאָל ניט געשריבן
לידער לויט באַפעלן.
נאָר היינט האָסטו באַפוילן
און אַ זינגען האָב איך אין באַפעל דערהערט
אַ זינגען פון אַ פרילינגדיקער ערד.
אפשר וויינט עס גאָר די ערד
די פרילינגדיקע,
אין בלי זיך שפילנדיקע,
אפשר וויינט זי שוין אין האַרבסט אַרײַן
ערגעץ אין איר צווייט פאַרהוילן.

האָט אויך איר דעם ווייסן בלי
עמעצער באַפוילן?

ג

זינגען, זינגען,
גאָט, ווי וויל איך זינגען, —
און איך וויין.
איינגעוואָרצלט איז מײַן זינגען
אין געוויין.
פֿאַר וואָס
איז איבעריק צו פרעגן?
אַנשטאָט אַן ענטפער
וויקלסטו פֿאַנאַנדער וועגן —
בלוטיקע באַנדאַזשן,
און וויקלסט אײַן מיך
דורך און דורך,
רונד אַרום,
ווי דו וואָלסט אויף אַלץ געענטפערט
שטום.

ד

ווי זאָל איך דאַנקען דיר, גאָט?
כ׳וועל שווייַגן.
ווי צווייַגן פאַר טאָג,
ווי צווייַגן אין אָוונט.
ווי זאָל איך דאַנקען דיר
פאַר איין באַגינען.

וואָלט איך גרינען געקענט,
כ׳וואָלט מייַן צווייַג דיר געבראַכט
ווי ס׳ברענגט דיר די נאַכט
אירע שטערן.
נאָר ווי דאַנקען דיר?
כ׳וועל שווייַגן
און דו וועסט דערהערן.

כ׳וויל אײַנשלאָפֿן

כ׳וויל אײַנשלאָפֿן,
און זאָלן רוען אויך
די מיטבאַגלייטער,
וואָס זײַנען מיד
פֿון אומגיין צווישן טויטע.
כ׳וויל אײַנשלאָפֿן.
און זאָלן שלאָפֿן אויך די שויבן,
צומאַכן די אויגן,
זיי קוקן הײַנט אויף מיר
אַ סך, אַ סך.
כ׳וויל אײַנשלאָפֿן,
און כ׳וויל זײַן וואַך.

בײַ נאַכט

בײַ נאַכט קומט מען נענטער צו זיך.
די װײַטיקן שטעלן זיך אױס אין אַ ריי:
טוט װיי
טוט װיי.

שײלן זיך אָפּ די געבאָרגטע פֿאַרבן
ברױן,
רױט.

און ס׳בלײַבן די אײנציקע נאָענטע פֿרײַנד
גרוי,
װײַס —
טױט.

אָוונט־עטיוד

ס׳קען קיינער ניט מיגערן
שאָטנס פון רו
אַפילו ניט דו.

מיט איין מאָל צעפּליִען זיך אַלע געסט
און בלײַבסט מיט אַ שעה אָן זכרונס, פאַרגעסט
ווי קיין מאָל וואָלט דאָ ניט געבלומט,
ניט געבליט
ווי קיין מאָל וואָלט דאָ ניט געפרילינגט אין ליד.

און ס׳ווערט מיט אַ מאָל
פאַרשטענדלעך ביז ביין
די שטילקייט אַליין.

ליד בײַ אַ פּאָרטרעט

אָט ביסטו בלויז פֿאַרביקע פלעקן
די אויגן, די הענט און די האָר,
און כ׳זע ווי די אויגן זיך שרעקן
פֿאַר אָט דער פֿאַרביקער וואָר.

נאָר ביסלעכווײַז ווערן די בליקן
פֿאַראַנקערט אין פֿאַרביקן שוים,
אַזוי ווי פֿאַרוואָרפֿענע בריקן
וואָס פֿירן צו ברעגן אַרוים.

און פּלוצעם דערקענען זיי וועגן
וואָס פֿירן צו אוראַלטער היים,
און כ׳זע ווי די אויגן פֿרעגן:
בלײַבן, צי אפשר גיין?

צום מאָלער

פּאַרוויקל אין דײַנע קאָלירן
די ווײַסקייט פון שטאַרביקער שעה,
און שאָטן אַרוים די באַרירן
פון נאָך ניט געבאָרענעם דאָ.

וועט שטערן צו שטערן דערלאַנגען
ווי קינדער פון זעלביקער טראַכט,
וואָס בליִען אַרוים פון געזאַנגען
און בליִען אַריבער די נאַכט.

אפשר

אפשר וואַרט אויף מיר דער ים
נאָר איך הער ניט היינט זיין רוף,
אפשר ראַנגלט זיך דער פּלאַם
אַ פאַרלאָשענער אין גוף.

אפשר גייט צו מיר אַ גאַסט,
נאָר ער טרעפט ניט צו מיין טיר,
אפשר ציטערט עס אַ ליד
און באַהאַלט זיך אוים פון מיר?

ווײַסע האַרפּע

ווײַסע האַרפּע
שטילקייט. קוים-קוים זינגיקע,
סטרונעס ציטערן אין מיר, —
ווײַסע האַרפּע.

ניט דוד האָט אין דיר אַרײַנגעוווינט
זײַן קעניגלעכן עלנט,
אַ ווײַטער אייניקל
בײַ דײַנע שוועלן
האָט דיך פאַרכּישופט אין אַ שוואַן.
נאָר דוכט זיך ביסט פון כּישוף מיד,
און בעטסט איך זאָל אַנטכּישופן
פון ווײַסקייט דײַנע קלאַנגען.

שטילקייט קוים-קוים זינגיקע,
ווי זאָל איך, ווי אַזוי,
אַז דו האָסט מיך געפאַנגען?

ווערטער

ביַי נאַכט וואַכן ווערטער
און ריידן אָן סוף,
ביַי טאָג שלאָפן ווערטער
אַ שטייניקן שלאָף.

ביַי נאַכט שפּראָצן ווערטער
און גרין איז און גוט,
ביַי טאָג שוויַיגן ווערטער
פאַרעקשנט ווי רות.

*

דו האָסט אין מיר דעם האַס פאַרזייט
און איך האָב ניט געהאַט אים,
איצט וואַקסט ער טרוקן, בייט נאָך בייט
און ביטער איז זײַן בלאַט מיר.

נאָר ס׳טרעפט, אַז דווקא זים אין מיר
זײַן אומפאַרשעמטער וואַקסן,
אַ גרויער וואָלקן דריקט אויף מיר
און ס׳כליפּען מײַנע אַקסלען.

און ס׳בעט מײַן תּפילה נאָך און בעט
כ׳זאָל ניט געשטרויכלט ווערן,
ווער ווייס, צי איז שוין ניט צו שפּעט
און דו וועסט ניט דערהערן.

קעמלען

העי, איר קעמלען,
אײַער מידבר איז פֿאַרשוווּמען,
האָב איך, אומעטיקע קעמלען,
אײַך אַהיים גענומען.

קניט דערווײַלע, רוט דערווײַלע,
ביז פֿון געלע ברעגן
וועט אַן אויסגעטרוימטע פּאַלמע
קומען אונדז אַנטקעגן.

איר קעמלען פֿאַרווייִנטע,
מײַן מידבר איז גרעסער,
מײַן מידבר איז הייסער,
און זײַט ניט מקנא —
פֿאַרברענט האָט מײַן מידבר
זײַן פֿאַטאַ-מאָרגאַנאַ.

אַ בוים אָן וואָרצלען

ווי קען אַ בוים אָן וואָרצלען בליִען?
איך ווײַן פאַר אים אַ טרער.
ווי קען אַ טויב אָן פליגל פליִען?
איך האָב איר ווײ געהערט.

ווי זאָל איך, בוים, דיך איבערפלאַנצן
אין טיף פון גרינעם ברעג? —
אַז דו זאָלסט אָפּלעבן אין גאַנצן
ביז פרילינג גייט אַוועק.

איך זאַמל אַלע דײַנע טרוימען
און ברענג דיר נאָך אַ טרוים.
אַ פויגל וואַרט, אַז דו זאָלסט בוימען,
פאַרנעם זײַן וואַרטן, בוים.

שטראָם אין שטיין

מיר דוכט, איך בין פון שטיינער
געקלאַמערט שטיין אין שטיין,
און טאָמער רירט זיך איינער,
צעפאַלט זיך מײַן געביין.

טאָ ווי זשע קען איך פילן
דורך שטיינערדיקער הויט
ווי לעצטע שטראַלן שפילן
מיט שטראָמען הייסן רויט?

דנאָען

מיַין צעשפּליטערטן אויבערפֿלאַך
האָסטו פֿאַרריכט,
פֿאַרקלעפּט און פֿאַראייניקט,
ביז ס'האָט זיך אַנטפּלעקט
אַ פֿלעמעלע ליכט,
און איך האָב פֿאַרגעסן פֿון זיך.

קוים כ'בין פֿאַרהיילט,
נאָר די דנאָען —
זיי האָבן נאָך גאָרניט
דערציילט.

צו דײַנע קוואַלן

זײַן װעל איך בײַ דיר אַ גאַסט,
מײַן נאָענטקייט װעט ניט װערן װאָך,
מײַן װײַסער זעגל — ניט קיין לאַסט,
מײַן גרינער אַנקער — ניט קיין יאָך.

באַרירן װעל איך דײַן געצעלט,
אין דײַנע שאָטנס װעל איך שטיין,
װי ליבשאַפט בײַ אַ קראַנקנס שװעל —
און ס'װיל די ליבשאַפט ניט פאַרגיין...

דאַן װעסטו אָנטאָן זיך אין שניי,
נאָר איך װעל זוכן דיך אין גראָז,
און גיין צו דיר, און גיין און גיין
מיט גאָר מײַן ליבשאַפט און פאַרדראָס.

טעג

איך רוף ניט די טעג בײַ די נעמען
ניט מאָנטיק, ניט פרײַטיק, ניט הײַנט,
איך ווייס ניט פאַר וואָס, צוליב וועמען
מען רופט זיי אַזוי ביזקל הײַנט.

בײַ מיר זײַנען טעג לויט די זונען.
לויט האַרבסטן און גרינקייט און בלאָ,
בײַ מיר זײַנען טעג לויט די בלומען —
פאַרשווונדן, פאַראַנען, ניטאָ.

אָנבלומיקע טעג זײַנען טרעריק,
צי מאָנטיק, צי פרײַטיק, צי הײַנט.
אָנבלומיקע טעג זײַנען שווערליק
און בענקען תּמיד צום פרײַנד.

מײַן טיר

מײַן טיר איז אין אָוונטן אָפֿן
פֿאַר שטראַלן און טויבן, פֿאַר דיר.
דער טאָג איז כּמעט שוין אַנטלאָפֿן
און האָט זיך פֿאַרגעסן אָן מיר.

אין פֿינגער פֿאַרבליבענע זונען
דערגלײַען מײַן גרוי־סילועט,
ביז גרויקייטן ווערן אַנטרונען
און ס'ווערט אַזוי פֿרי — שפּעט.

*

דײַן בליִונג איז עלטער געוואָרן,
משמעות קאָלירן זיך מיניען,
דער ביניקער, שטעכיקער דאָרן
דערקענט ניט זײַן גרינען.

ער טוט זיך פֿאַרנייגן פֿאַרוווּנדערט,
זײַן פֿאַסיקל ערד ניט דער זעלבער:
ווי לאַנג, אין וועלכן יאָרהונדערט
פֿלעגט קומען אַהער אַ שוועלבל?

אַ פֿלי און אַ צוויק און אַ פֿלאַטער
אָן מורא צו ווערן פֿאַרוווּנדיקט:
באַציינדלטע שטענגלעך ניט־גלאַטע
און שפּיצן אַ האָר ניט פֿאַרוונדיקט.

ווי שטעכט זיך דער לילער זכּרון
מיט טונקעלן אָפּשײַן פֿאַרבלענדיקט;
ער קען ניט פֿון זיך דעם דאָרן
אַ צי טאָן אַרויס, און געענדיקט.

געפֿין מיך

געפֿין מיך אַ הייסע
און ברענג מיך אַהיים,
טיפֿקייטן ווייסן
ווו זון טוט פֿאַרגיין.

אַנטפּלעק מיך אין דנאָען
און פֿאַנג מיך אַרוים
ווי גאָלדענע שעהען
פֿון אומעט אַרוים.

פֿאַרליר מיך אין גרינען
און ווייס ווו איך בין,
זאָלסט ווידער געפֿינען
מײַן אָנהייב אין גרין.

[illegible]

*

בינטלעך האָלץ צונויפגעקליבן
טרוקענע, בערעזענע
און אַ פֿײַערל צעבלאָזן —
בלוילעכן פֿאַרגעסענעם.

טרעשטשען זיי און גליִען זיי
ווײַסע דינע שײַטעלעך,
כ׳האָב בײַם ווינט געליִען
קלאַנגען פֿון אַ ווײַטעניש.

קאָרטשען זיך און ברעכן זיך
טונקל רויטע קינעלעך
ווי פֿון טעג ס׳געדעכעניש,
זע נאָר, ווי זיי מיִען זיך.

פֿון די ווײַסע שײַטעלעך
לופּטיקע בערעזענע,
ווערן קוילן, בײַטן זיך,
ברענען אוים פֿאַרגעסענע.

אַ ווײַסקייט

פאַר קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

ווען ס׳וואָלט אַ ווײַסקײַט אַלץ באַדעקט
וואָלט איך געוואַרט אויף דיר
און אין דער ווײַסער וועלט געפרעגט
אויף דײַן באַריר.
ווען ס׳וואָלט אַ ווײַסקײַט אַלץ באַדעקט
וואָלט איך דערקענט דײַן טראָט
און וואָלט בײַ אַלע טריט געפרעגט:
אַוווּ ניטאָ איז גאָט?

צו אַ פּאַזעמקע

אַ פּאַזעמקע האָב איך דערזען אין אַ גלאָז,
מיט טרערן באַשאָנקען זי אָן אַ פּאַרוואָס.

מיט גרינע פּאַרציטערטע בלעטעלעך טרערן,
די פּאַזעמקע זאָל מײַן דערמאָנונג דערהערן.

מאָכיקע סטעזשקעס אַנטפּלעק איך איר ווידער
און ווידער אין וואַלד קלינגען די לידער.

אַ רויטלדיק אויג לאַכט אַרויס פון די גרינען
ווי ס׳וואָלט מיך גערייצט איך זאָל עס געפינען.

געפונען. איך טוליע עס איידל מיט פינגער,
און קלער גאָרניט, פּאַזעמקע, דיך צו פאַרשלינגען.

דו, אַ צעשיידטע פון וואַלדישע קלאַנגען,
איך, אַ באַשנייטע פון דיר געפאַנגען.

נעם מיך צו דיר אין דײַן פּאַזעמקע־שטעגל,
דו ביסט דער מלך, איך — דײַן פאַרמעגן.

דערמאָנט מען מײַן מאַמען

דערמאָנט מען מײַן מאַמען
ווער איך אַ קינד.
און ס'מאַכט ניט אויס
די גרויע האָר,
און ניט די פערציק יאָר.
אַ קינד!

אויך שפּיגלען ווערן מיד
פון ווײַזן אַלע שעה אַן אַנדער בליק.
ווײַל איך געדענקען
דעם קערן,
וואָס האָט בײַם ווערן
צעגרינט אַ קינד
מיט זון אין אויגן, —
יענע רגע,
וואָס האָט מיט זון מיך אָנגעזויגן.

ים־פייגל

געקוקט אויף אײַך בײַם ברעג פון ים,
איר וואַסער־פייגל אויף די דינע פיס,
וואָס ווייסן, אַז אַ טראָט צו מאַכן סתּם
מיינט: אויס מיט זון און בלוי, מיינט: אויס, געוויס.

איך האָב געזען אין אײַך דעם שאַרפן שפּיר
נאָך איידער ס׳האָט אַ כוואַליע זיך געגעגנט,
ווי איר האָט צו דער צײַט געטאָן אַ ריר,
פון זונענגלי אַ רגע ניט פאַרבלענדט.

בעת איך, בײַם ראַנד פון דעם פאַרבלענד
אין יענער רגע פון געפאַר,
אַוועקגיין ניט געקענט
און ניט געדענקט וואָס קומט דערפאַר.

אַזוי פיל וועגן

אַזוי פיל וועגן און ניטאָ קיין מלאך
וואָס זאָל אַ ווײַס טאָן כאָטש אין ווינקל אויג,
און יעדער וועג אַ ווײַטעניש, מהלך,
ווי בלויז אַ שטערן טוט זיך אַ פאַרנייג.

זאָל זײַן אַז דו האָסט מיך פאַרלאָרן
און ניט דערזען מײַן הייסע טיר,
אַ טראָפּן פון דײַן ליבשאַפט
געהערט דאָך אויך צו מיר.

בריוו

פאַר יעקב גלאַטשטיין

א

שוין לאַנג ניטאָ זיי.
איצט קומען אָן
די בריוו.
שעמעוודיקע בריוו,
בעטן קליידער, שיך,
אַ בוך אַ ייִדישן,
אַ ווערטער־בוך
צום אויסטײַטשן דעם אוי
און זאָגן הלל
שטיל אַזוי,
לאַנג ניטאָ זיי.
גייען אום די בריוו און ריידן;
בריוו,
וואָס קומען אין גן־עדן.

ב

דיינע לאַבירינטן זיינען בריוו
און ווערטער פירן מיך דורך זיי
צו דיר.
נאָר ווער ווייס
וווּ דו ביסט,
כ׳האָב קיין מאָל ניט געהערט
די נעמען פון אַזעלכע שטעט
און דערפער און פאַרשיקונגען.
ס׳האָט מער ווי זיבן ימען
אונדזער ערד
און דיינע טרערן זיינען מער
פון אַלע ימען.
ייִדישע צעקנייטשטע בריוו
פאַרפלייצטע איבער אַלע ברעגן
מיט ווי און ווינד
מיט אָן־בטחון.
ווי ס׳שרייבט אַן אַלטער בלעכער דאָרט,
אַז ס׳איז דער דאַך צעבראָכן
און, גאָטעניו, ווי זאָל מען אים פאַרריכטן,
אוי ווי אַזוי?
צעבראָכן איז דער הימלדיקער דאַך
און זע די אותיות, זיי דראַפּען זיך
פאַרריכטן.

ווער ווייס דער וויפלטער שוין באַנד איר זייַט
פון יידישער געשיכטע?
כ'האָב תמיד קוקנדיק אין איר
געוויינט און ניט געלערנט,
אַצינד, פאַר אָט דעם נייַעם באַנד —
איך האָב שוין ניט קיין טרערן.
בריוו, איר נע־ונדע
מיט אַדרעסן פאַרריבענע,
בריוו צעקנייטשטע יידישע,
צו קיינעם ניט געשריבענע.

צו מײַנע בלומען

אויב איר וועט מײַן בריוו באַקומען
שענקט אים אײַער בלי,
כ'האָב פֿאַרבלאָנדזשעט צווישן בלומען
פֿון ניט־הי.

מאַמע מײַנע, אַלע בלומען
פֿון מײַן פֿעלד און וועג,
ווי זײַט איר אַהער געקומען
צו דעם ווײַטסטן ברעג?

ווײַסע פֿרייד אויף גרינע לאַנען,
בלויקייטן אין פֿעלד,
כ'האָב אין אײַך דערזען פֿון דאַנען
ליכט אין מײַן געצעלט.

אָבער וויי, ווי הייסע לאַווע
איז מײַן פֿרייד פֿאַרברענט,
ווען איך האָב געוואָלט אײַך פֿילן
אין די הענט.

קאַלטע אײַערע קאָלירן,
קאַלט אַזוי ווי פֿראָסט.
און די האַנט, אָט נעמט זי פֿרירן —
בלומען־גלאָז.

אויב איר וועט מײַן בריוו באַקומען
שענקט אים אײַער בלי,
כ'האָב פֿאַרבלאָנדזשעט צווישן בלומען
פֿון ניט־הי.

רעגן

אַזוי דערציילט דער רעגן,
אַזוי דערשוויַיגט דאָס ברויט,
טאָ וואָס איז נאָך צו פרעגן
פאַר וואָס דער רעגן גרויט?

אפשר איז פאַראַנען
אַן אַנדער רעגן גאָר,
וואָס קושט ניט אוים די לאַנען
און גרינט ניט אוים די וואָר,

נאָר זאַמלט זיך אין שטיינער
בייַם הונגער נאָכן ברויט
און וויים ניט ווי צו וויינען,
נאָר גרויט און גרויט.

אָט דעמאָלט זאָגט מען: ס׳רעגנט.
און גרויער ווערט די שעה,
און אַלץ וואָס מען באַגעגנט
איז ווי דער רעגן גראָ.

אַ טרעפונג

א. לעיעלעסן

אַלץ ווייניק און ווייניקער בלײַבן מיר
און ס׳ווײַנט דאָס וואָרט אויף די ליפּן,
די שאָטנס פון זיך טרײַבן מיר
און אַלץ הייסער טרערן טריפן.

לאָמיר אַלע אַ טרעפונג באַשטימען
נאָך דורות, נאָך יאָרן אומצאָליקע,
און לאָמיר זיך ערגעץ געפינען
אין גורל פון ליד — די אַמאָליקע.

אינהאַלט

אין אײַז־ליכט

אויף מאָסקווער גאַסן 9
מײַן שכן 10
צו אַ קראָ 11
נאָך אַ טויטן פּאָעט 12
צו אַ פרײַנד 14
שפּליטערס 15
אין מאָסקווער שול 17
דער ייִד פון מצבות 18
איך ווייס 21
אײַז־ליכט 22
אַ גרינס־פּאַרקויפער 23
אותיות 25
צו אַלעקסאַנדער בלאָק 26
דער פרעמדער בוים 27
ריגע, 1964 28
ווילנער געטאָ, 1964 29
בײַם אוהל פּרץ 31
מאַלינעס 32
אויף אַלע וועגן 33
מיט לײדיקע הענט 34
בלעטער פון וועגן 35

צו אַ בוים פון דער ווײַט

פליגל אין ווײַט 39
מײַנע וועגן 40
אַזוי פיל געדענקען 41
ווייסט פאַר וואָס 42
מײַן פעלד 43
קאָרנבלומען 44
* (ס'איז נאָך גרעסער) 45
האַרבסטיקע זריעה 46
בלי 47
חצבים 49

אַ ריח פון ברויט 50
וואָרצלען 51
אַז איך פאַרגעס 52
זיי נעמען מיך צו 53
* (אָרײַנגעאָטעמט) 54
אַ בוים לערנט זײַנע קינדער 55
צום בוים פון ראָזשינקע און מאַנדל 59
צו רחל 61

צווישן מויערן

נאָך קיין מאָל 65
בײַ קיינעם 66
ביז כ'וועל קומען 67
פרילינג אין ניו־יאָרק 68
ביימער אין שטאָט 69
צו דזשעקסאָן פּאָלאָק 70
אַ נעגער־ליד 71
טויט פון אַ קאַץ 72
אינדיאַנער גרוסן 73
* (פאַרגאָסענע גאַסן) 76
אַ שעפּעלע פון שטיין 77
ווי אַזוי 78
פאַר אײַך 79

אין פאַרב פון וואָרט

דער מעטעאָר 83
שטומקייטן 84
כ'וויל אײַנשלאָפן 88
בײַ נאַכט 89
אוונט־עטיוד 90
ליד בײַ אַ פּאָרטרעט 91
צום מאָלער 92
אפשר 93
ווײַסע האַרפע 94
ווערטער 95
* (דו האָסט אין מיר) 96
קעמלען 97
אַ בוים אָן וואָרצלען 98

שטראָם אין שטיין 99
דנאָען 100
צו דײַנע קוואַלן 101
טעג 102
מײַן טיר 103
* (דײַן בליִונג) 104
געפֿין מיך 105

שפּורן

* (בינטלעך האַלץ) 109
אַ ווײַסקייט 110
צו אַ פּאַזעמקע 111
דערמאָנט מען מײַן מאַמען 112
ים־פֿייגל 113
אַזוי פֿיל וועגן 114
בריוו 115
צו מײַנע בלומען 118
רעגן 120
אַ טרעפֿונג 121

ביכער פון רבקה באַסמאַן:

טויבן בײַם ברונעם

לידער

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, 1959

פאַרלאַג „ישראל־בוך"

אריה שמרי / וואָרצלען
אַנטאָלאָגיע פון ייִדיש־שאַפן אין ישׂראל

ישעיהו שפּיגל / פלאַמען פון דער ערד
ראָמאַן

רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן
לידער

מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד־מרדכי
ייִדיש — ד. שטאָקפיש

רפאל מאַהלער / היסטאָריקער און וועגווייַזער
עסייען

רבקה באַסמאַן / בלעטער פון וועגן
לידער